ב"ה

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## כ"ד טבת

---

כ"ד טבת איז דער יום הילולא פון דעם אלטן רבי'ן.

ביי דעם אלטן רבי'ן איז געווען א זילבערנע טאבאק פושקעלע אן א דעקל. די סיבה דערצו איז געווען; דאס דעקל איז געווען שפיגעלדיק גלאט, האט עס דער אלטער רבי גענוצט פאר מכוון זיין די תפלין שבראש, אז זיי זאלן ליגן אויפ'ן ריכטיגן ארט, פונקט אין מיטן.

מען האט וועגן דעם גערעדט אין אנוועזנהייט פון דעם צמח צדק. מען האט דערציילט אז דער אלטער רבי האט אפגעבראכן דעם דעקל פון פושקע. האט דער צמח צדק געזאגט, אז דער זיידענס ענין איז ניט געווען ברעכן. ער האט ניט געבראכן ניט זיך און ניט יענעם. נאר מסתמא איז דאס דעקל געווען מחובר צו דער פושקע מיט א חוט, און דער זיידע האט ארויסגענומען דעם חוט המחבר.

ביי דעם צמח צדק איז געווען אזוי זיכער-קלאר אז דער אלטער רבי האט ניט געבראכן, אז ער האט געזאגט מיט א געוויסהייט אז דער אלטער רבי האט ניט געבראכן נאר ער האט ארויסגענומען דעם חוט המחבר.

אלע סיפורים וועלכע מען האט אונז דערציילט זיינען א הוראה אין עבודה:

ווען מען לייגט תפלין איז מען מכוון צו משעבד זיין דער קאפ מיט די הארץ צום אויבערשטן. דערפאר לייגט מען די תפלין אויפ'ן קאפ און אנטקעגן דעם הארצן. דער קאפ דארף מען נוצן נאר אויף פארשטיין תורה, און די הארץ דארף ליב האבן נאר הייליגע זאכן, ניט נארישקייטן און תאוות.

מען דארף ניט ברעכן, נאר ארויסנעמען דעם חוט המחבר פון יצר הרע צום יצר טוב. אמאל באהעפט זיך דער יצר הרע צום יצר טוב מיט א חוט. ער רעדט עם איין אז א געוויסע זאך איז א מצוה צו טאן. באמת איז עס א שלעכטע זאך. נאר דער יצר הרע רעדט עם איין אז דאס איז א גוטע זאך.

דער חוט פון יצר הרע צום יצר טוב דארף מען ארויסנעמען. מען דארף וויסן וועלכע איינפאלן קומען פון יצר טוב און וועלכע איינפאלן קומען פון יצר הרע. דער פריערדיגער רבי פלעגט זאגן אז דער יצר הרע טוט זיך אן אין א ייִדענע זופעצע. מען דארף זיך היטן פון דעם.

מען דארף משעבד זיין די קאפ און די הארץ צום אויבערשטן.

(לקו"ש ח"ג ע' 853)

---

Back to "Leben Mit Der Tzeit"